„RADOMER-KIELCER LEBEN“ № 11 (99) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאהרגאנג דריטער פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

הײנט 12 זײטען

אדרעסען
פון „ראדאמער קעלצער לעבען“

אין ראדאם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אנאנסען פרייז:
איין מילימעטער שורה: פאר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ אין „ 40 „
„ „ „נאכ'ן „ 18 „
די ערשטע זייט ענטהאלט 8 שפאלטען
אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 „

ראדאם פרייטאג כ״ו אדר תרפ״ו — פאר'ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך — 12-go Marca

געזעלשאפט



„כרמל“
ווארשא

אויסשליסליכער פערקויף פאר גאנץ פוילען פון ארץ-ישראל וויין פון די ווינקעלערס אין ראשון-לציון און פתח-תקוה.

„כרמל“ וויין איז כשר לפסח אפילו למהדרין מן המהדרין בהכשר הרבנים הגאונים דיסקין זצ״ל, זאנענפעלד וקוק שליט״א מירושלים און ווארשאווער ראבינאט.

„כרמל“ בעזיצט בריף פון גרויסע רביים אדמו״רים שליט״א, או זיי אליין נוצן דאס וויין און זיי בעטן אלע יראים וחרדים זיי זאלן טרינקען דאס וויין למען החזקת ישוב הארץ.

„כרמל“ וויין איז געשמאק, ריין, נאטירליך און בעסער פון די טייערסטע אויסלענדישע וויין.

„כרמל“ וויין ווערט אויסגעארבייט בלויז דורך אידישע הענד און טרינקענדיג איהם האט איהר אן אמת'ן תענוג און דעם בעוואוסטזיין, אז איהר העלפט אינ'ם אויפבוי פון ארץ-ישראל.

גיט אכטונג אויף אונזער אויבענשטעהענדער מארקע, וועלכע מוז זיין אויף יעדער פלאש.

**Tow. „KARMEL“ Warszawa, Nalewki 27, Tel. 157-52.**

צו דער האכצייט פון אונזער שוואגער און ברודער משה מרגליות (ראדאם) מיט פר״ל סאליע צוקער (לאדז), וואונשען מיר דאס זייער צוקונפט זאל בעגלייט ווערען פון ליבע, גליק און צופרידענהייט.

ראדאם — משה ווייסבארד עם פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער ליבען זוהן און ברודער משה מיט פרל׳ סאלע צוקער ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען און אייביגע צופרידענהייט.

מוטער עם מיהמע
ברידער און שוועסטער מרגליות.

בברכת המה, ולבבית אנו מברכים את בתנו היקרה מרת רחל וולמן לרגלי אירוסה את חיים קרשברג יהי רצון שתשבעו עונג כל ימי חייכם.

משפחה וואלמאי.

Z intencji zaręczyn siostry mojej **R. Wolmanówny** z p. **Ch. Kerszbergiem** życzę aby promienie słońca przyświecały im drogę na przyszłość.

**Andzia.**

אכטונג! ביליג רעעל און סאליד אכטונג!

בעדיענען ביליג קענט איהר אייערע קינדער קליידען נאר ביי דעם

קינדער שניידער לובלינער 30

איך פערטיג אויס קינדער אנצוגלעך אונד סאקעלעך מענסקע און דאמסקע לויט די נייעסטע פאסאנער איך נעם אן בעשטעלונגע מיט אייגענע ווי אויך מיט קונדישע סחורה אויף די בעסטע בעדינגונגען.

אכטונג: לובלינער 30 אין הויף רעכטס

מיט אכטונג מאיר מילמאן

קימט און איבערצייגט אייך. — קומט און איבערצייגט אייך.

Ż. K. S. „HASZACHAR“ w Radomiu.
Urządza w sobotę dnia 13 Marca 1926 r. w SALONACH HOTELU EUROPEJSKIEGO (dawniej Miraż).

WIELKI ostatni w sezonie RAUT

**z konkursem tańców o nagrodę i innemi niespodziankami.**

**ZARZĄD.**

Do tańców przygrywać będzie doborowe trio z JAZZBANDEM Początek o godz. 9 w.
Wstęp tylko za ograniczoną ilością zaproszeń.
**Cena biletu 1.50 do nabycia przy wejściu.**
**Bufet obficie zaopatrzony, po cenach niskich.**

אין פאבריקס לאגער פון טשענסטאכאווער אויסארבייטונגען;

שיענניקעס, שפאגיט, פאדים, שטיף-לייוונט, שיסטער פרזשענדזע, ווי אויך פערשידענע ליינען-אויסארבייטונגען

ליפערט צו פאבריק-פרייזען

**E. J. LEWIT Kielce**
**St. Warszawska 11.**

רעיעלע בעהאנדלונג!

**Ważne dla Pań!!!**

Artystyczne strzyżenie Pań według żurnalu i Ondulacya tylko w Salonie fryzjerskim **Rozenberga** ul Piłsudskiego 11 (Szeroka 11)

**(Gabinet damski).**

אכטונג קעלצער סוחרים!

זונטאג דעם 14-טען ה. ח. 4 א זייגער נ. מ. קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, וועסאלע 22

די יערליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון דער באנק

סוחרים קומט מאסענווייז און פינקטליך!

די אידישע סוחרים-באנק
אין קעלץ.

זאל די גאנצע פראווינץ וויסען!

סוחרים פון דער עלעקטרישער-בראנזשע

די ביליגסטע קוועלע פון שנירן און פשעוואדניקעס פערשידענע פשעקראיען

זשאראוקעס פערשידענע פירמעס פון 65 ביז 210 ז.

ווי אויך פערשידענע עלעקטראטעכנישע-ארטיקלען

בעקומט איהר נור אין דער לאנג-עגזיסטירענדע פירמע

L. WAJNSZTOK Warszawa
**GRANICZNA 16 Tel. 405-91.**

פ. ס. בעשטעלונגען ווערען ערלעדיגט טעלעפאניש, אויך דורך בריף, ס'ווערט ארויסגעשיקט פער פאסט געגען א קליינעם האנדגעלד.

# מען שטעלט און מען מעקט און די שטייער-לאַסט הערט נישט אויף.

אין משך פון די לעצטע חדשים זענען ביסלעכווייז פערלאָשען געוואָרען די האָפנונגען, וואָס מען האָט ארויסגעלייגט אויף דעם פינאנס-מיניסטער זדזיעכאָווסקי. מען האָט געמיינט, אז ער וועט ענדערען גענצליך די אלטע פינאנס-פּאָליטיק פון גראבסקי און וועט שאַפען א בעסערע און גינסטיגערע לאַגע. עס האָט זיך אָבער ארויסגעשטעלט, אז די פּאָליטישע פערהעלטענישען אין פּוילען זענען אזעלכע, אז דאָ וועט אוממעגליך זיין ביי די דאָזיגע בעציהונגען, דאָס איין פערזאָהן זאָל קענען ענדערען דעם ביז איצטיגען סיסטעם.

מען האָט געהאַט האָפנונגען אויף מיניסטער זדזיעכאָווסקי, ווייל מען האָט געוואוסט, אז ער איז אין פיעל אָנגעלעגענהייטען א שאַרפער קעגנער פון גראַבסקיס טאַקטיק. ספּעציעל איז ער געווען א שאַרפער קעגנער פון די צו גרויסע שטייערען. מען האָט דעריבער געהאַט רעכט צו מיינען, אז ער וועט דעם סיסטעם פון שטייערען ענדערען, אַז וועט איהם מאַכען פּראָפּאָרציאָנעל, עס זאָל צאָלען אי דער פּויער, אי דער סוחר. אי דער גוט-באזיצער אי דער פאבריקאנט—אלע גלייך.

אבער ווען דער פינאנס מיניסטער זדזיעכאָווסקי האָט געוואלט עפּעס ענדערען, האָט ער זיך אָנגעטראָפען אויף א בינגזישע וואנד, האט ער געוואָלט פערקלענערען די שטייערען פון די סוחרים און פאבריקאַנטען, האָבען די סאָציאַליסטען געזאגט „ניע פּאָזוואָלאָם", האט ער ווידער געוואָלט צוציען די גוט-בעזיצער און לאנדווירטען צו דער שטייער־לאַסט האָט ווידער די רעכטע פּארטיי געזאגט איר וועטאָ.

פון אלע גרויסע פּלענער, וואָס דער פינאנס-מיניסטער זדזיעכאָווסקי האט זיך פריער געמאכט, האט זיך אויסגעלאָזט רויך און גאָרנישט. מען מוז ווייטער זיך טרינקען אין דעם שווערען קריזיס און מען זינקט טאקע אין איהם וואָס ווייטער אַלץ טיפער און טיפער.

ביי אזאַ לאגע איז אַלץ געבליבען ווי פריער, נישט מעהר עס איז פאָרהאָן איין ענדערונג: מען מעקט אָון מען שטעלט איבער די פּאָזיציעס פון ביודזשעט און דער סוף איז, אז מען בלייבט ביים אלטען.

דאָס זעלבע געשעהט מיט די שטייערען. דער פינאנס-מיניסטער זדזיעכאָווסקי האָט ערשט פאריגע וואָך ווידער פערזיכערט די איינפלוסרייכע פאבריקאנטען און סוחרים, דאס ער וועט פארקלענערען די פּאדאטקעס, נאר זאָגט ער, ער וועט טאקע פערקלענערען אָבער די אַלגעמיינע סומע שטייערען וואס מען מוז נעמען, קען ער נישט פערקלענערען.

מען וועט הייסט עס ביי איין בראַנזשע שטעלען און ביי דער צווייטער עפּעס אויסמעקען, ביי וואלענטי וועט מען עפּעס אויסמעקען און יעקב'ן וועט מען צושטעלען. וואָרום די מלוכה מוז דאָך בעקומען די זעלבע סומע שטייערען.

פאר די יודישע סוחרים איז זייער געפערלעך אָט דער דאָזיגער שפּיל פון מעקען און שטעלען די שטייערען. דאס וועט אויסגיין צום קאָפּ פון יודישען כוחר און קרעמער.

דאס נייע געזעץ פון אומזאָץ-שטייער האָט געמאַכט גרויסע הנחות פאר א רייהע קאַטעגאָריעס פאבריקן, פון שפּייז-ארטיקלען וועט מען צאָהלען ווינציגער, פון פיל סחורות און הורט-האַנדעל וועט מען דארפען צאָהלען אַ העלפט.

דאָס אַלץ וואָלט גוט געווען ווען גלייכצייטיג מיט די דאָזיגע הנחות ווערט אויך פארקלענערט אין ביודזשעט די פּאָזיציע פון הכנסות פון שטייערען

דאָס איז אָבער נישט געשעהן, און ווי דער פינאנס-מיניסטער זדזיעכאָווסקי האָט היינטיגע וואָך ערקלערט, האָלט עס גאָרנישט דערביי. דאָס הייסט אז דער אומזאץ-שטייער דארף אויך היי-יאָהר אריינברענגען א 163 מיליאָן זלאָטעס.

עס איז קלאָר, אז אויב דער אומזאַץ-שטייער מוז געבען די זעלבע סומע, און פון טייל קאַטעגאָריעס ההירות אין הורט־האַנדעל וועט מען צאָהלען אַ קלענערען אומזאָץ, דאַן וועלען די סוחרים פון די איבעריגע בראַנזשעס מוזען צאָהלען מעהר שטייערען, דער סוף דערפון וועט זיין נאָך אָנ'ערגערער.

עס וועט איצט אויסקומען, אז די סוחרים פון דריטע קאַטעגאָריעס און די סוחרים, וואָס פיהרען נישט קיין האַנדעלס-ביכער און קענען פון די הנחות נישט געניסען, אז אָט ביי זיי וועט מען היי־יאָהר נעמען דאָפּעלטע אומזאַץ-פּאָדאַטקעס און זיי וועלען מוזען צאָהלען פאַר די הנחות, וואָס מען מאכט אנדערע.

דאָס וועט זיין אַ נייע קאַטאַסטראָפע פאַר דעם מיטעלען סוחרים שטאַנד.

י. מ. שויכעטזאָהן

# אין אפגרונד

## (אַ שפּאַנענדע געשיכטע פון היינטיגער צייט).

### די לאַנדסלייט דערקענען מענדעלע'ן

אַז מענדעלי מיט זיין חברה איז אריין אין בוענאָס-איירעס'ער הכנסת אורחים האָט ער אַלס פרעמדער צונעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אנוועזענדע און אויף די פראגע „פון וואַנען ער איז", האט מענדעלי זיך ש'ער נישט אַרויסגעכאַפּט „פון אַדעס", אין איין רגע איז ער געווען געוואַנדען. דערמיט וואָלט ער זיך געווען פערשיט, ווייל צווישען עולם זענען געווען אַ סך פון אַדעס, וואָס וואָלטען איהם געוויס בעפאַלען מיט פערשידענע אנפראַגען פון דער היים.

קענטיג, אַז מענדעלי האָט דאָס פערשטאַנען און ער האָט דעריבער גלייך געענטפערט מיט'ן ריכטיגען נאָמען פון זיין שטעטיל.

אז ער האָט נאָר אַנצורופען דעם בלויזען נאָמען פון שטעטיל האָבען באַלד אויפגעדונערט, כמעט אַ גאַנצער מנין שטימען:

— מענדעלי!

— יאָ, דער אייגענער.

— ווי אַזוי קומסטו אַהער? האָבען די פריהעריגע שטימען מיט שטוינונג געפרעגט מענדעלי'ן.

— און ווער זענט איהר? — האָט זיך מענדעלי גע'חידוש'ט און קיינעם נישט דערקענט פון זיי.

— דערקענסט אונז נישט, מענדעלי? קוק נאָר אונז גוט אָן, און זיי האָבען זיך אויסגעגלייכט, ווי די ליניעס און אויף איהם כסדר געקוקט.

מענדעלי האָט איינגעקריצט אין זיי זיין בליק, נאָכגעטראכט א ווייל'ע, ווי ער וואלט געזוכט די געשטאַלטען אין קאָפּ, אָבער זיי זענען נישט געווען ענהליך צו יענע, וואס ער האט ערגיץ וואו אַ מאל געזעהן; האט ער געקוועטשט מיט די אַקסלען און געזאגט ענדליך מיט א טאָן פון זיכערקייט:

— ניין, איך קען זיך גארנישט דערמאָנען!

— קענסט אונז טאקי נישט דערקענען? און ווער זענען: חיים, נפתלי, איטשעלע ר' פסח'ס, נטע'לע ברכה גיטעל'ס, אייזיק און הערש נחמן?

דערהערענדיג אַזעלכע בעקאַנטע נעמען פון זיין שטעדטיל, וואָס זענען אין איין צייט מיט איהם אַוועק פון דאָרט, איז מענדעלי אויפגעשפרונגען אַ צעמישטער:

— ווען איך זעה! אך ווי איהר האָט זיך געענדערט! כ'וואָלט אייך אין מיין לעבען נישט דערקענט, אסור — און ביי די ווערטער האָט זיך

Z intencji zaręczyn naszego brata **Leona Blatmana** z **Różką Ejzenberżanką** życzymy szczęścia i powodzenia w przyszłości.

**Bronka, Eljasz Blatmanowie.**

לחברנו מר **חיים קרשברג** לרגלי ארושיו את העלמה מרת **רחל וולמן** אנחנו מאחלים שיבנה את עתידו בארץ הנביאים וברוח חברנו הטובלים, עובדים ושרים.

ועד **„צעירי מזרחי"** ברדום.

Z intencji zaślubin naszej przyjaciółki p. **Basi Goldratówne**j z p. **Zygmuntem Bielskim** życzymy im wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia.

**Pola Gołdakówna,**
**Binka Kajierówna,**
**Rózia Frydówna.**

צו דער פארלאָבונג פון אונזער פריינד'ס טאָכטער **רוזשע וואַלמאַן** מיט ה' **חיים קערשבערג** ווינשען מיר, אַז זייער צוקונפט זאָל בעגלייט ווערען פון עוויגע ליבע, גליק און צופרידענהייט.

פאמיליע **מאַגנישעווסקי**.

## *Kasa pożyczkowa przemysłowców Radomskich*

**Spółdzielnia z ogr. odp. w Radomiu.**

Z dniem 22 lutego została otworzona w Radomiu przy ul. Kilińskiego № 15, gmach Resursy Rzemieślniczej na parterze.

Biuro czynne od godz. $9^1/_2$ rano do godz. $1^1/_2$ p.p. codziennie za wyjątkiem świąt i niedziel.

Przyjmuje się udziały na członków Kasy w wysokości zł. 100 i zł. 15 jednorazowo na kapitał zapasowy.

Otwiera się rachunki na lokaty, sumy oszczędnościowe, poczawszy od drobnych sum na warunkach najdogodniejszych.

Wydaje się pożyczki, za solidnem poręczeniem, spłacane ratami do wysokości 800 zł.

Przyjmuje się weksle do incasa miejscowe i za miejscowe.

Dyskontuje się członkom Kasy weksle handlowe.



ווילט איהר האָבען די שענסטע און מאָדערנסטע צימער?

איז נאָר צו קויפען **טאַפּעטן**

ביי דער בעקאַנטער פירמא

# ש. שטיינמאַן

**ראַדאָם, לובלינער 21**

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען.

אַלס ספּעציאַליסט ווערען צימער-טאַפּעטירונגען אויסגעפערטיגט שנעל, לויט די נייסטע מאָדע.

## BANK KUPIECKI w RADOMIU

Spółdz. z ogr. odp. **plac 3-go maja 5 telef. № 14.**

די קאָאָפּעראַטיווע סוחרים-באַנק נעמט אָן וועקלאַדען פון די קלענסטע סומען אויף שפּאַר-ביכלעך, ערלעדיגט אַלערליי באַנק-אָפּעראַציעס פּינקטליך און צו מעסיגע פּרייזען, צאָלט אויס די איינקאַסירטע געלדער אין דעמזעלבען טאָג.

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל דער פאמיליע **ווייסבאָרד** צוליב'ן טויט פון זייער **מוטער**

# נ"ע חיי' שרה ווייסבאָרד

**פאמיליע פריידאָס.**

**נ. ע.**

א האַרציגן דאַנק דריקן מיר אויס די אַלע, וואָס האָבן אָנגעגעבן דעם לעצטן כבוד אונזער טייער מאַמע

# חיי' שרה ווייסבאַרד

די אין טרויער איבערגעבליבענע

**זין, טעכטער, איידעמס, שנירן, אייניקלעך און פאמיליע.**

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינדין **צ ע ש ע** ווייסבאָרד און פאמיליע צוליבן טויט פון זייער געליבטע **מ ו מ ע ר**

# חיי' שרה

זאָלען זיי געשטאַרקט ווערען איבערצוטראָגען דעם צער. און פון היינט אָן קיין חיסער פון גוט'ס.

פייגעלע קימעל, פעלא קאַפּעראוואַסער,
מאַניע גאָלדאַק.

**Z powodu przedwczesnej śmierci**

b. p. **ESTERY WAJNRYBÓWNY**

**słowa głębokiego współczucia wyraża rodzina**

Goldsztajn **sąsiadom P-wu** Sztelman.

# בעקאַנטמאַכונג

איך מאַך בעקאַנט די יודישע בעפעלקערונג פון ראַדאָם און אומגעגענד, דאָס אין מיין פאַבריק שפּיטאַלנע גאס № 4 ווערט אויסגעארבייט פערשידענע זאַפטען צו זאָדע-וואַסער און צו שנאַפּסען. אַלעס ווערט אויסגעאַרבייט מיט ריינעם צוקער, אויך איז עס בעשטעטיגט דורך דעם געזונדהייטס-אַמט.

עמפעהלע זיך צום דיענסט פון די געערטע סוחרים אָבנעמער מיט בעשטעלונגען וועלכע ווערען אויסגעפיהרט שנעל, רעיעל און פינקטליך.

מיט אַכטונג **ש. גאַטליעב ראַדאָם, שפּיטאַלנע № 4**

אונטער פירמא **„פּאָלאָניאַ"**

פ. ס. פיר סוחרים גרעסער אָבנעמער ספּעציעלער ראַבאַט.

Teatr **„Rozmaitości"** Radom.

**Walerja Dobesz-Markowska** נור איין אויפפיהרונג פון

ס'וועט געשפּילט ווערען די אָפּערעטע

# KRÓLOWA NOCY

דער אַנסאַמבל בעשטעהט פון 12 מאַן.

אָנהויב פּינקטליך 8.30 אָוונט.

בילעטען שוין צו בעקומען ביי ה' טאָמאַנעק, לובלינער 40.

**Teatr „POPULARNY" w Radomiu.**

W gmachu teatru **„Rozmaitości"**

W sobotę 13 Marca i W niedzielę 14

# UKARANA CNOTA

krotochwila w 3 aktach, w inscenizacji **H. Morozowicz.**

**Początek o godzinie 8 wieczorem.**

**Bilety w cenie od 50 gr. do 3 zł.** do nabycia w kasie Zamawiań, Lubelska 40. (Hurtownia Tytoniowa W. P. Tomanka), a w dnie przedstawień od godziny 6 wieczorem w kasie teatru.

אונזער חברישהאַרציגן מיטגעפיל דריקן מיר אויס אונזערע פריינד, ברודער און שוועסטער ווייסבאַרד, צוליב'ן טויט פון זייער טרייע מוטער נ"ע

# חיי' שרה ווייסבאַרד

חברים און חברות

רוטמאַן, חשה בערנעממאַן, צוקער, וויינטרויב, ראָזענצווייג, פעלע פריידאָס, ע. ווייסבלום, דאַנציגער, ר. ראָזענצווייג, י. בערקמאַן, פינקעלשטיין, טענענבוים, ליפּשטיין, קרישטאַל, רייכנבוים, קאַרמאַן.

## הטררן און דאַמען
פערלאַנגט נאָר די בעסטע שוה-פּאַסטע

# „MARY“

וועלכער ס'האָט איינמאָל פּרובירט האָט זיך איבערצייגט, אַז די בעסטע שוה פּאַסטע „MARY“ איז נאָר

— ייאָס מאַכט בעקוועם און ווייך די לעדער און פערשאַפט אַ הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ.

Fabryka przetworów chemicznych „MARY“ Warszawa (Sielce) Zajączkowska 9. tel 419 69.



## יעדעווירטין דאַרף וויסען,
אַז די מאַשטש צו פּאָדלאָגעס.

„JAŚNIEJ SŁOŃCA“ גיט צו די פּאָדלאַגעס, פּאַטאַקעס און לינאָלעאום אַ שעהנע און לאַנגדויערדיגען גלאַנץ אָהן בענוצען זיך מיט בערשטען.

# „Jaśniej Słońca“

פערטרעט אייל-פאַרב, פאַרבט ווייסע פּאָדלאָגעס אין פערלויף פון אַ שעה אויף די פאַרבען:

מאַכאַגיאַווע און טינקעל ארזשעכאָווע

פּרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען!

פערקויף אין אַלע סקלאַד-אַפּטעטשנעס, זייף און פאַרב געשעפטען.

Fabryka przetworów techno-chemicznych „MARY“ Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9. Tel. 419.69


אכטונג חברים־ות און סימפּאַטיקער פון „הרצליה“ אין ראַדאָם.

שבת דעם 13/3 אום 3 אַז. נ. מ. פּינקטליך, קומט פאָר אַ פערזאַמלונג. מ'בעט צו קומען אונבעדינגט פינקטליך.

---

צוליב'ן טויט פון אונזער נישט פאַרגעסענע שוועסטער, שוועגערן און מימעשי

## נ"ע חיי' שרה ווייסבאַרד

דריקן מיר אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל די אין טרויער פאַרבליבענע קינדער.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון.

נחום זייד שניידער פרוי און קינדער.

---

מיט אַ צובראָכענעם האַרץ זענען מיר מודיע וועגען טויט פון אונזער הייס-געליעבטער פרוי און מוטער

## פראַנדיל אשת ר' שלמה נ"י ראָטמאַן פון קעלץ

וועלכע איז נאָך קורצע און שווערע ליידען אין עלטער פון 51 יאָהר געשטאָרבען אין וואַרשאַ דעם 9 מערץ ד. י. און צומאָרגענס געבראַכט געוואָרען דאָרט צו קבר ישראל.

די אין טרויער פערבליבענע

מאַן, טאָכטער, איידעם און פאַמיליע.

---

צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע בעווייין איך דעם פריהצייטיגען טויט פון מיין געליבטער מיהמע

## פראַנדיל אשת ר' שלמה נ"י ראָטמאַן ע"ה
(פון קעלץ.)

ש. בענעט.

וואַרשאַ דעם 10—טען מערץ 1926.

---

די אין טיפן טרויער איבערגעבליבענע פעטערס און מומעס צוליבן טויט פון אונזער טייערע באָבעשי

## ח"י שרה נ"ע ווייסבאַרד

דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל.

אייניקלעך מילער

---

דעם טיפסטן מיטגעפיהל דריקן מיר אויס אונזער קוזינקע און קוזין צעשע און שמעון ווייסבאַרד צוליבן פערלוסט פון זייער

## מוטער חיי' שרה

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאַמיליע גרינשפאַן.

---

אונזער טיפסטן מיטגעפיהל דריקן מיר אויס דעם ה' שמשון פעלדמאַן צום פערלוסט פון זיין

## פאָטער יצחק פעלדמאַן ז"ל

אין (ניו-יאָרק) זאָל ער נישט וויסען פון קיין צער.

חברה אהבת רעים.
אין ראַדאָם.

---

לחברי מר אברהם פלבע לכות עליו

## אבין נ. ע.

אני מביע בזה את השתתפותי בצערו בעבודתו בעד העם והארץ ינחם.

שמחה פוטזשניק.

---


## מ'קען שוין יעצט פאָרן

# פון פּוילן קיין דרום-אַמעריקע
# איבער מאַרסעל (מיטעללענדישער ים)

די נאָענטסטע אָפּפאָרן וועלן פאָרקומען:

| שיף | אָפּפאָר פון וואַרשע | אָפּפאָר פון מאַרסעל | מען קומט אָן קיין: ריאָ דע זשאַנעירא | סאַנטאָס | מאָנטעווידעאָ | בוענאָס-איירעס |
|---|---|---|---|---|---|---|
| „אַלפּינא“ | 5 מערץ | 10 מערץ | 25 מערץ | 26 מערץ | 29 מערץ | 30 מערץ |
| „מענדאָזא“ | 25 מערץ | 30 מערץ | 13 אַפּריל | — | 17 אַפּריל | 18 אַפּריל |
| „וואַלדיוויאַ“ | 15 אַפּריל | 20 אַפּריל | 5 מאַי | — | 9 מאַי | 10 מאַי |
| „אַלסינא“ | 5 מאַי | 10 מאַי | 25 מאַי | 26 מאַי | 29 מאַי | 30 מאַי |
| „מענדאָזא“ | 25 מאַי | 30 מאַי | 13 יוני | — | 17 יוני | 18 יוני |
| „וואַלדיוויאַ“ | 15 יוני | 20 יוני | 5 יולי | — | 9 יולי | 10 יולי |
| „אַלפּינא“ | 5 יולי | 10 יולי | 25 יולי | 26 יולי | 29 יולי | 30 יולי |
| „מענדאָזאַ“ | 25 יולי | 30 יולי | 13 אויגוסט | — | 17 אויגוסט | 18 אויגוסט |

קויפט נישט קיין שיפס-קאַרטן אין קיין אַנדער שיפס-געזעלשאַפט איידער איר האָט זיך נישט אינפאָרמירט אין ביוראָ.

S. G. T. M. ס. ג. ט. מ.

Sociète Générale de Transports Maritimes à Vapeur

פראַנצויזישע שיפס געזעלשאַפט וואַרשע, קראָלעווסקאַ 10. קעלץ, רינעק 5


Redaktor i Wydawca CH. M. HERC    Odbito wewłasnej drukarni Radom Szwarlikowska № 20.